**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט גרענד אָופענינג פון 64 מיליאן דאלערדיגן נעקסוס צענטער אין דאונטאון יוטיקע**

***סטעיט געשטיצטע, ערשטראנקיגע פארוויילט און ספארטלערײ קאמפלעקס וועט דינען אלס פרעמיערע טורנאמענט-באזירטע איינריכטונג פאר אייז האקי, באקס לעקראס, סאקער און אנדערע פעלד ספאָרטס***

***וועט האלטן גרויסע טורנאמענטן, ציענדיג ספארט טיעמס פונעם נאָרט-איסט און קאנאדע צום מאוהאק וואלי ראיאן***

***פאראויסגעזען צוצוציען איבער 320,000 יערליכע באזוכער וואס וועט צולייגן איבער 26 מיליאן דאלער צו ראיאנישע עקאנאמיע, פארשטערקערן דעם סטעיט׳ס עקאנאמישע בליק פאר מאוהאק וואלי***

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט דעם גרענד אָופענינג פון 64 מיליאן דאלערדיגן נעקסוס צענטער אין דאונטאון יוטיקע. די מעלדונג קומט בעפאר א צערעמאניעלע ״פאק דראפ״ געהאלטן צו ווערן שפעטער דעם אוונט דורך ארטיגע באאמטע. אדאנק סטעיט שטיצע, וואס האט אריינגענומען 22 מיליאן דאלער דורך דעם אפסטעיט אויפלעבונג אונטערנעמונג, וועט דער 170,000 סקווער-פיסיגע טורנאמענט-באזירטע פארוויילונג און ספארט קאמפלעקס אויסגעניצט ווערן פאר אייז האקי, באקס לעקראס, סאקער און אנדערע פעלד ספארטס, און צוציען פארמעסטערישע יוגנט טיעמס פון לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדע. דער נעקסוס צענטער ווערט פאראויסגעזאגט צו האלטן 24 האקי און 24 לעקראס טורנאמענטן יעדעס יאר, אויפנעמענדיג איבער 320,000 יערליכע באזוכער און אויפטרייבנדיג איבער 26 מיליאן דאלער יערליך אין דירעקט באזוכער אויסגאבן.

״דאס פארענדיגן דעם ערשטראנקיגן נעקסוס צענטער צעמענטירט דעם סטעיט׳ס אנגייענדן בליק פאר א ווידער-פארגעשטעלטע יוטיקע אלס א דעסטינאציע פאר ספארט-ליבהאבער און פאמיליעס צוגלייך,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אדאנק הילף פון ניו יארק, וועט די איינריכטונג זיכער שטעלן דער מאוהאק וואלי׳ס עקאנאמיע אויף א וועג פון איין געווינס נאכ׳ן צווייטן פאר פילע יארן אינעם צוקונפט.״

דער נעקסוס צענטער האט דריי שיכטן אייז און געפונט זיך נעבן דעם אדיראנדעק באנק צענטער, די היים ארט פון דעם אמעריקאנער האקי ליגע׳ס יוטיקע קאמעטס, יוטיקע אוניווערסיטעט מענער׳ס און פרויען׳ס האקי פראגראמען און דער יוטיקע דזשוניאר קאמעטס יוגנט האקי ארגאניזאציע. די אייז קען גרינגערהייט טראנספארמירט ווערן אויף פעלד-באזירטע אויבערפלאכן אויף צו שטיצן טורף ספאָרטס. אין צוגאב, באט אן דער נעקסוס צענטער איבער 25 לאקער צימערן, קאמערציעלע אפיס פלאץ, קאלעדזש קלאסרום פלאץ, ריטעיל פלאץ, עסנווארג און געטראנקען סערוויסעס און אנדערע מולטי-צוועקיגע טרענירונג ערטער.

דער נעקסוס צענטער וועט פאקוסירן אויף אויסער׳ן-שטאט טורנאמענט אנטיילנעמער א גאנץ יאר, און גלייכצייטיג צושטעלן פאר ארטיגע ספארטלער במשך דעם וואך פאר פראקטיצירונג און טרענירונג. ווען די איינריכטונג ווערט נישט אקטיוו גענוצט פאר א טורנאמענט אדער אנדערע פארקומענישן, וועט עס ארבעטן אלס א קאמיוניטי ספאָרטס און פארוויילונג צענטער פאר ארטיגע ספארט ארגאניזאציעס, הויך-שולעס און קאלעדזשעס. די באהאפטנקייט פון דעם נעקסוס צענטער צום אדיראנדעק באנק צענט ביים יוטיקע דענקמאל אודיטאריום טוט אויך פארשטערקערן איר אלגעמיינע ראיאנישע אימפאקט און פארנעם. צוקונפטיגע פלענער פאר׳ן נעקסוס צענטער נעמט אריין זיך פארברייטערן צו א פיר סעזאן ספארטלעריי צענטער, מיט די פאטענציעל צוצולייגן אינדרויסנדיגע מולטי-צוועקיגע ספארט פעלדער אויף צפון און אריין אין דעם הארבאר פוינט געגנט — א בליק איינשטימיג מיט׳ן יוטיקע הארבאר מייסטער פלאן.

יוטיקע אוניווערסיטעט האט לעצטנס [געמאלדן] איר שותפות מיט׳ן נעקסוס צענטער אויף צו פארבעסערן איר ספארט פארוואלטונג פראגראם, צושטעלנדיג א הויך-אינאווירנדע, ערשט-פון-איר-סארטיגע געלעגנהייטן פאר סטודענטן אין דעם ספארט פארוואלטונג פראגראם אויף זיך צו שאפן ווירקליכע, פראפעסיאנעלע ערפארונג. דער נעקסוס צענטער וועט ערמעגליכן פאר סטודענטן צו האבן א ממשות׳דיגע לערן ערפארונג צו העלפן שטעלן זייער פיס אין דעם טיר ביים זוכן ארבעט נאכ׳ן גראדואירן. אין דעם לעצטן יאר-צענדליג, איז די ספארט אינדוסטריע ארויפגעשאסן פון 23׳סטער צום זעקס-גרעסטער אינדוסטריע לענגאויס דעם לאנד. יוטיקע אוניווערסיטעט האט אומגעפער 40 סטודענטן איצט אין דעם ספארט פארוואלטונג פראגראם.

די URI פארטיילונג, אינאיינעם מיט פילע אנדערע סטעיט אינוועסטירונגען, האט געהאלפן פארוואנדלען דאונטאון יוטיקע אויף א נייעם און באגייסטערדיגן שטאט צענטער. מיט די אריינזאג פון דעם מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, זענען די דאונטאון געגנטער ווידער-פארגעשטעלט געווארן אלס דעסטינאציעס פאר אינער-שטאטישע אונטערהאלטונג, פארוויילונג, ספארט און ענטרעפעניורשאפט.

הויפט אינוועסטירונגען נעמען אריין דעם ניי-רענאווירטן יוטיקע דענקמאל אודיטאריום וואס איז די היים ארט פון דעם יוטיקע קאמעטס האקי טיעם און די יוטיקע סיטי פוטבאָל קלוב פון דער גרויסער ארענא סאקער ליעגע; לאָפט דירות לענגאויס דזשענעסי און סטעיט סטריטס און אין דעם בעג׳ס סקווער געגנט; א 300 מיליאן דאלערדיגער אינוועסטירונג צו העלפן א נייע שפיטאל געפארעמט צו ווערן דאונטאון; 6 מיליאן דאלער אין URI פינאנצירונג פאר יוטיקע׳ס הארבאר פוינט באַלקהעד פראיעקט, די לעצטע פארבליבענע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג נייטיג אויף צוציען פריוואטע סעקטאר אנטוויקלונג; און די 1 ביליאן דאלערדיגע פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפט מיט וואָלפספיד, וואס האט געשאפן הונדערטער דזשאבס ביים ׳מארסי נאנאצענטער׳.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״ענליך ווי עס האט געזאגט אן אנדערן וועלט-בארימטן האקי שפילער וועין גרעצקי, אונטער גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט טוט ניו יארק סטעיט ווירקליך סקעיט׳ען צו דארט וואו דער פאק גייט, נישט דארט וואו עס איז פריער געווען. די דערהייטערנדע איינריכטונג וועט זיין אן עקאנאמישער טרייב-כוח פאר יוטיקע, צוציענדיג איינוואוינער צום דאונטאון געגנט און אריינברענגען טויזנטער באזוכער א יאר צום ראיאן.״

**סטעיט סענאטאר דזשאָסעף גריפאו האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך אז דער נעקסוס צענטער אין דאונטאון יוטיקע איז אפן, און איך בין דאנקבאר איבער די באמיאונגען פון אלע וועלכע האבן געארבעט אינאיינעם צו מאכן דעם וויכטיגן פראיעקט א ווירקליכקייט. די נייע פארוויילונג און ספארט קאמפלעקס

וועט צוציען באזוכער און פאמיליעס צו דעם ארט און שטיצן און מאכן וואקסן די ארטיגע און ראיאנישע עקאנאמיעס. דער נעקסוס צענטער, אינאיינעם מיט׳ן פארבעסערטן באנק צענטער ביים יוטיקע דענקמאל אודיטאריום, וועט דינען אלס אן אונטערצינד-כוח פאר צוקונפטיגע וואוקס און אנטוויקלונג אין דעם ראיאן און דערגאנצען דאס וואס איז שוין פארגעקומען אין יוטיקע און דער מאוהאק וואלי.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעריען בוטענשאן האט געזאגט,** ״די גאנצע צענטראל ניו יארק קאמיוניטי וועט געניסן פון אלץ וואס דער נעקסוס צענטער האט אנצובאטן. דער צוגאב ברענגט א ברייטע ריי צוזאמקונפט זאל געלעגנהייטן פון ספארט ביז קאמיוניטי און ספעציעלע פראגראמען און מיט דעם, אן איינפליס פון באזוכער און עקאנאמישע מעלות. איך האב אויך געהאט די מעגליכקייט איינצושאפן 600,000 דאלער פאר די סטעיט-אָוו-דע-אַרט בילדונגס פראגראמען וואס יוטיקע אוניווערסיטעט וועט פארזארגן אין צוזאממארבעט ביים נעקסוס צענטער. דער נעקסוס צענטער איז ווידער נאך א בריליאנט שטיין צוצולייגן צו די אויפבלי פון דער שטאט יוטיקע, אניידע קאונטי און אונזער גאנצן ראיאן.״

**מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל מיט-פארזיצער, לאורענץ טי. גילרוי דער דריטער, פרעזידענט פון גילרוי, קערנען און גילרוי אינק. און דר. מעריאן טערענזיא, SUNY קאבעלסקיל פרעזידענט, האט געזאגט,** ״דער נעקסוס צענטער איז א נייטיגע טייל פונעם סטראטעגישן בליק פאר׳ן פארוואנדלען דאונטאון יוטיקע, שוין ווייט אויפ׳ן וועג צו ווערן אן ערשטראנקיגע דעסטינאציע וואס וועט שטיצן עקאנאמישע וואוקס אין יוטיקע און דעם ראיאן. נישט נאר וועט דער נעקסוס צענטער טרייבן טוריזם, נאר עס וועט אויך שאפן א צוציענדן און דינאמישן אונטערהאלטונג צענטער דאונטאון פאר איינוואוינער און צוקונפטיגע איינוואוינער וואס זוכן צו רופן דער מאוהאק וואלי זייער היים ארט.״

**פארזיצער פון דער אויבערשטער טייל מאוהאק וואלי דענקמאל אודיטאריום אויטאריטעט, קארל אנעס, האט געזאגט,** ״די ערשטראנקיגע איינריכטונג ענדערט אינגאנצן די אומשטענדן פאר׳ן מאוהאק וואלי ראיאן און וועט זיין א הויפט אונטערצינד-כוח פאר עקאנאמישע וואוקס פאר דער ארטיגער עקאנאמיע. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול, דעם מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל, ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ און אניידע קאונטי פאר די אנגייענדע שטיצע וואס האט געהאלפן מאכן דעם פראיעקט א ווירקליכקייט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418